NEW YORK STATE

שוץ באַדינונגען פאַר דערוואַקסענע

אַ ביוראָ פון דעם אָפיס פון קינדער און משפחה באַדינונגען

# באַשיצן דערוואַקסענע פון באַלעסטיקונג און פאַרנאַכלעסיקונג



באַזוכט אונזער וועבזייטל:
**ocfs.ny.gov**


NEW YORK STATE

שוץ באַדינונגען פאַר דערוואַקסענע

אַ ביוראָ פון דעם אָפיס פון קינדער און משפחה באַדינונגען



**Capital View Office Park**
52 Washington Street
Rensselaer, New York 12144


באַזוכט אונזער וועבזייטל:
**ocfs.ny.gov**

אויף אָנצוקלאָגן באַלעסטיקונג אָדער פאַרנאַכלעסיקונג פון קינדער, רופט:
**1-800-342-3720**

פאַר אינפאָרמאַציע איבער דעם שוץ פאַרן אונטערגעוואָרפענעם קינד אַקט (Abandoned Infant Protection Act), רופט:
**1-866-505-SAFE (7233)**

אויב איר זענט פאַרזאָרגט איבער אַן אַכט געבער אויף אַ קינד, רופט דעם Child Care Complaint Line: **(800) 732-5207**

פאַר אינפאָרמאַציע איבער אויפצי און אַדאָפּטירונג, רופט: **1-800-345-KIDS (5437)**

פאַר דעם Adult Services Helpline רופט:
**1-844-697-3505**

אויף אינפאָרמאַציע איבער באַדינונגען פאַר בלינדע, רופט: **1-866-871-3000**

אויב איר זענט טויב אָדער איר האָט שוועריקייטן אין הערן, רופט אייער Video Relay System פּראָווייַדער, און בעט מען זאָל אייך אַריבערפירן צום טעלעפאָן נומער וועלכן איר ווילט אָנגרייכן.

*"... פּראָטערזשירן די זיכערהייט, שטענדיקייט און וואוילזיין פון אונזערע קינדער, משפחות און קהילות..."*

בהסכם מיטן Americans with Disabilities Act, וועט דער New York State Office of Children and Family Services צושטעלן דעם מַטעריאַל אין דעם געהעריקן פאָרמאַט אויף פאַרלאַנג.


**Pub-1326-YID** (Rev. 08/2017)


## וויפל קאָסטן די באַדינונגען?

די באַדינונגען פון דעם שוץ באַדינונגען פאַר דערוואַקסענע (Adult Protective Services, APS) ווערן צוגעשטעלט בחינם צו אַלע דערוואַקסענע וואָס ברויכן זיי, אומאָפּהענגיק פון זייער הכנסה.

## וואָס זענען די רעכט פון דעם מענטש?

דערוואַקסענע האָבן דאָס רעכט זיך אָנצונעמען די אייגענע באַשלוסן. זיי מעגן באַשליסן אָנצונעמען אָדער צוריקצואווייזן די באַדינונגען וואָס דער APS שלאָגט זיי פאָר. אין פאַל פון אַ נאָענטער סכנה, איז די אָרטיקע אָפּטיילונג פון סאָציאַלדינסט מחוייב זיך אַריינצומישן בכדי צו באַהיטן דעם מענטשן.

## ווען זאָל איך רופן?

רופט דער היגער אָפּטיילונג פון סאָציאַלדינסט און בעט ביי זיי דעם טעלעפאָן נומער פון דעם אָפיס פון שוץ באַדינונגען פאַר דערוואַקסענע (APS) אין אייער געגנט.

קלעפּט דאָ אַרויף דעם היגן #

אָדער רופט דעם „עדאַלט סערוויסעס העלפּליין" (Adult Services Helpline)וואָס ווערט אַפּערירט דורך דעם אָפיס פון קינדער און משפחה באַדינונגענס מענטשיש באַדינונגען קאָל סענטער.

**1-844-697-3505**

## ווער ברויכט הילף?

דערוואַקסענע לייט, פון 18 יאָר און העכער, קענען זיך נייטיקן אין שוץ באַדינונגען פאַר פאַרשידנאַרטיקע סיבות:

- זיי ליידן פון אַ פיזישן אָדער גייסטיקן פעלער;
- זיי קענען זיך שוין מער נישט אָפּהיטן פון פאַרנאַכלעסיקונג, באַלעסטיקונג אָדער מסוכנדיקע סיטואַציעס;
- זיי קענען זיך ניט באַזאָרגן מיט זייערע עיקרדיקע יסודותדיקע באַדערפענישן; מיט שפּייז, קליידער, אַ דאַך איבערן קאָפּ; און
- זיי האָבן קיינעם ניט וואָס וויל און איז מסוגל אַרויסצוהעלפן אויף אַ פאַראַנטוואָרטליך אופן.

## קענט איר אַ דערוואַקסענעם וואָס ברויכט הילף?

עס זענען דאָ וואָרענונג סימנים וועלכע פריינט, שכנים און קרובים דאַרפן זיך לערנען צו דערקענען ווען:

◄ עס איז נישטאָ קיין סימן אַז עס טוט זיך עפּעס אין אַ הויז פון איינעם וואָס לעבט איינער אַליין; בריוו און צייטונגען קענען זיך אָנזאַמלען.

◄ אַ דערוואַקסענער וואָס איז עלול צו שאַדן איז אָפּהענגיק אָן אַן אפּוטרופּוס וואָס איז אָנגעצויגן, גייסטיש קראַנק אָדער איז אַ נאַרקאָמאַן.

◄ מ'זעט אַ דערוואַקסענעם אינדרויסן בשעת עס איז ביטער קאַלט נישט געהעריק געקליידט.

◄ אַן עלטערער שכן ווערט שוואַך און אונטערגעשפּייזט, אָבער ווייזט צוריק אייער אָנבאָט אויף הילף.

◄ אַן אינוואַליד אָדער עלטערער מענטש ווייזט קלעפּ און אַנדערע סימנים פון מעגליכן פיזישן שלאָגן.

◄ אַ מענטש ווייזט פאַרמישקייט און שיכחה און וואָס אָנבאַלאַנגט געלט, לאַזנדיק לעבנס נייטיקע חובות (ווי וואַסער, עלעקטריק וכו') אומבאַצאָלט.

## וואָס קען איך טון?

אַ קרוב, אַ חבר, אַ שכן אָדער אַן אַנדער פאַרזאָרגטער מענטש וואָס דאגה'ט איבער איינעם וואָס קען מעגליך ברויכן שוץ באַדינונגען קען אָנרופן דער דאָרטיקער אָפּטיילונג פון סאָציאַלדינסט. רעקאָמענדאַציעס קען מען מאַכן אַנאָנים (בעילום שם). פאַרשטייט זיך, אַז מענטשן וואָס אַנערקענען זייער אייגענע הצטרכות אויף הילף, מעגן רופן פאַר זיך אַליין.

## וועלכע באַדינונגען קענען מיר צושטעלן?

APS קען צושטעלן באַדינונגען אויף צו פאַרשטאַרקן דעם יכולת פון אַ דערוואַקסענעם צו לעבן בתוך הקהילה כל זמן דאָס איז שייך.

אָט זענען אַ פּאָר פון די באַדינונגען וועלכע דער APS קען צושטעלן:

◄ נאָכפאָרשונג פון בקשות אויף הילף.

◄ אַ וויזיט אין דער היים אויף צו דערקענען באַדערפענישן און איינצואָרדענען באַדינונגען, מעדיצינישע השגחה און אַנדערע רעסורסן אין דער קהילה.

◄ קאָנסולטאַציעס פאַר דעם מענטשן און פאַר דער משפחה.

◄ געלט באַהאַנדלונג באַדינונגען.

◄ רעקאָמענדאַציעס אויף יורידישע באַדינונגען.

◄ מיטהילף אין טרעפן נייע וואוינונגס אויסשטעלונגען.

◄ באַדינונגען צו באַקומען אַן אפּוטרופּוס.

◄ הויז פּירער און הויז דינסט/באַהילפער באַדינונגען אין געוויסע פאַלן.

◄ מיטהילף אין באַקומען אַנדערע בענעפיטן און באַדינונגען

## אָט אַזוי האָט איין פאַר'דאגה'טע שכנטע געקענט העלפן

אַ יונגע פרוי וואָס האָט געוואוינט אין אַן אַפּאַרטמענט בילדינג האָט זיך אומגעקערט פון אַ קורצער וואַקאַציע און איז געוואָרן פאַר'דאגה'ט ווען זי האָט באַמערקט אַ הויפן צייטונגען ליגט פאַר דער טיר פון אירע אַלטע שכנים. זי האָט געוואוסט אַז זיי דאַרפן זיין אינדערהיים, ווייל זי האָט געהאַט גערעדט מיט זיי איידער זי איז אָפּגעפאָרן.



זי האָט געקלונגען אויף זייער גלעקל און האָט אויסגעפונען אַז דער מאַן איז געפאַלן און האָט זיך צוקלאַפּט זיין פוס. זיין ווייב איז געווען פאַרצווייפלט און האָט מורא געהאַט אַרויסצוגיין איינע אַליין, האָבן זיי ניט געהאַט קיין עסן ביי זיך אין דירה. די יונגע פרוי האָט פאַרשטאַנען אַז זי קען זיך ניט ספּראַווען מיט דעם אַליין, האָט אָנגערופן דער דאָרטיקער אָפּטיילונג פון סאָציאַלדינסט נאָך הילף. דער APS האָט פאַרזאָרגט מיט מעדיצינישער השגחה און אַ צייטווייליקע הויז פּירער ביז דער פאָרפאָלק האָט זיך געקענט ווידער אַן עצה געבן אַליין.